**גאווערנאר קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/14/2021

## גאווערנער האקול אנאנסירט גרונטשטיין לייגן פון 18 מיליאן דאלערדיגע געמישטע-באניץ דעוועלאפמענט פראיעקט אין שטאט צענטער פון ניאגארא פאָלס

***אפיציעלע קאנסטרוקציע פון 120-צימערדיגע קעמבריע האטעל ניאגארא פאָלס וועט זיין צוויי בלאק פון וועלט-בארימטע ניאגארא פאָלס סטעיט פארק***

***זעט געמאלטע בילדער פון קעמבריע האטעל ניאגארא פאָלס [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דער געבוי האט זיך אנגעהויבן אויף דער קעמבריע האטעל ניאגארא פאָלס, טייל פון אן איבער 18-מיליאן דאלערדיגע געמישטע-באניץ דעוועלאפמענט פראיעקט. דער זיבן-שטאקיגע, 120-צימערדיגע עלעגאנטע האטעל ברענד, וועלכס וועט זיין פלאצירט אויף רעינבאָו בולעוואַרד, וועט אויך אנטהאלטן דריי נייע רעזידענשעל גאסטהייזער אויף באפעלאו עווענ‍יו און איז ערווארטעט זיך צו עפענען אין פרילינג פון 2023. דער קעמבריע האטעל ניאגארא פאָלס וועט זיין אנטוויקלט דורך פלאטי ניאגארא אינק., וועלכס באזיצט אויך א 'ווינגעיט בײַ ווינדהעם' אין ניאגארא פאָלס.

"ניאגארא פאָלס איז איינע פון ניו יארק'ס מערסט באזוכטע טוריסט דעסטינאציעס און אזוי ווי מיר ארבעטן צו איבערבויען אונזער עקאנאמיע, מוזן מיר קאפיטאליזירן אויף אלץ וואס דער שטאט האט אנצובאטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די קעמבריע האטעל'ס קאנסטרוקציע אונטערוועגנס, וועלן באזוכער פון ארום דער וועלט באלד ווערן ווארעם אויפגענומען צו דער היסטארישער שטאט מיט א הערליכע נייע ארט איינצושטיין און האבן דירעקט צוטריט צו די קולטור און נאטורליכע הערליכקייט וואס מאכט ניאגארא פאָלס א ברילי‍אנט פון אפסטעיט ניו יארק."

דער האטעל, וועט געפונט זיך אויף 311 רעינבאָו בולעוואַרד אין דאונטאון ניאגארא פאָלס, ניו יארק, וועט זיין נאר צוויי בלאק פון די וועלט-בארימטע ניאגארא פאָלס סטעיט פארק, וועלכס טוט אויפנעמען 9 מיליאן באזוכער יערליך. געסט וועלן קענען אויסניצן פאפולערע אטראקציעס וועלכע ערמעגליכן פאר באזוכער צו קומען נאענטער צו די פאָלס, צי דורך אראפגיין אין די ניאגארא גארדזש ביי דעם הייל פון די ווינט אדער באזוכן דער דערנעבנדע ראבערט מאזעס ניאגארא ענערגיע פאבריק צו זען וויאזוי די פאָלס סערווירט אלס א היידראָ-עלעקטרישער קראפט קוואל. זיי קענען אויך שפאצירן לענגאויס אָלד פאָלס סטריט און דריטע סטריט צו באזוכן געשעפטן און רעסטוראנטן.

**סיניאר וויצע פרעזידענט פון אפסקעיל ברענדס, טשאָוס האטעלס, דזשעניס קענאן, האט געזאגט,** "מיר זענען אנטשלאסן צו ברענגען די קעמבריע האטעלס ברענד צו מער געסט באליבסטע דעסטינאציעס, און איך קען נישט טראכטן פון א בעסערע ארט דאס צו טון ווי דער שטוינענדער ניאגארא פאָלס. נישט נאר וועט דער קעמבריע האטעל ניאגארא פאָלס שטעלן געסט גלייך ביים שוועל פון די מאיעסטעטישע וואסערפאלן, נאר איר צענטראלע ארט נעבן שטאט צענטער מיט אירע געשעפטן און

רעסטוראנטן וועלן מאכן דעם האטעל דעם פערפעקטן פלאץ מיטצולעבן די שטוינענדע טייל פון דעם לאנד.״

**פלאטי ניאגארא אינק. מיט-אייגנטימער פרענק סטראנדזשיא האט געזאגט,** ״די סטראנדזשיא פאמיליע איז גאר באגייסטערט אנצוהויבן אונזער קומענדער האטעל פראיעקט אין אונזער היים שטאט פון ניאגארא פאָלס, ניו יארק, יו-עס-עי. איך מיט מיין פאטער אנטאניא און מיין ברודער אנטאני האבן אלץ גאר שטארק געגלויבט אין די צוקונפטיגע הצלחה פון שטאט ניאגארא פאָלס און מיר גלויבן שטארק אין איר פאטענציעל פאר וואוקס. עס איז איבערהויפט דערפרייענד צו קענען נאכאמאל אנהייבן ארבעטן נאך איינע פון די שווערסטע צייטן אין אונזער לאנד׳ס היסטאריע. מיר האפן אז דער פראיעקט איז א צייכן אז מיר ציעט זיך אויף פאראויס און ווייטער פון דער פאנדעמיע און אז עס קען טרייבן נאך עקאנאמישע וואוקס אין אונזער ראיאן. מיר גלייבן אז דער אייגנארטיגע געמישטע-באניץ פראיעקט וועט זיין טראנספארמירנד אין אונזער דאונטאון טוריזם דיסטריקט. דער פראיעקט וואלט נישט געקענט קומען צו דער ווירקליכקייט אן די געניטע פירערשאפט און שטיצע פון די שטאט, קאונטי און סטעיט, און די אויסגעצייכנטע לייט ביי טשאָוס האטעלס אינטערנאציאנאל און באנק פון באפעלאו און איבערהויפט פון אונזער פאמיליע, פריינט און שטאב מיטגלידער!״

דער קעמבריע האטעל ניאגארא פאָלס וועלן פיגורירן עלעגאנטע באקוועמליכקייטן וועלכע וועלן צוציען מאדערנע רייזע פארער, אריינגערעכנט:

- אינעווייניגע און אינדרויסנדיגע ערטער פאר פראדוקטיווע ארבעט און זיך אפרוען.
- ארטיג אינספירירטע אויסשטיליזירונג און באצירונג שפיגלען אפ די אייגנארטיגע פערזענליכקייט פון די ארומיגע אומגעגנט.
- מאדערנע און ניי-מאדישע גאסט צימערן, אויסגעריכטעט מיט פאראויס-סטיליזירטע אייגנשאפטן, א שפע פון באלייכטונג און לוקזוריעזע בעטן.
- איינוווייקנדע, ספאַ-סטיל באדע-צימערן מיט בלו-טוט שפיגלען.
- באַר און רעסטוראנט וואס פיגורירט פרישע צוגעגרייטע עסן, ארטיגע קרעפט ביר אויף טעפ, וויין און ספעציאליטעט קאקטעילס, ווי אויך אפציעס אויף ארויסצונעמען.
- מולטי-פונקציע זיצונג און פארקומעניש ערטער.
- טעכנאלאגיש פארגעשריטענע פיטנעס צענטער.

דער פראיעקט וועט אויך צוגעבן דריי גאסטהייזער (צו ווערן רעקלאמירט אלס וואקאציע רענטעלס) צו דערגאנצען דער היסטארישער כאראקטער פון באפעלאו עוועניו׳ס העריטעדזש דיסטריקט. יו-עס-עי ניאגארא דעוועלאפמענט קארפארעישען (USAN), אן אונטער-פארמעגן פון ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD), פארמיטלט פראיעקטס וועלכע היטן און / אדער זענען פארמישט מיט סענסיטיווע אינפיל דעוועלאפמענט לענגאויס באפעלאו עוועניו, אוועקגעשטעלט אויף די אויבערשטע טייל ניאגארא טייך נעבן דעם ׳ריווערוועי׳ טייל פון דעם סטעיט פארק. די גאסטהייזער וועלן ווידער אוועקשטעלן א רעזידענשעל בלאק פון באפעלאו עוועניו צווישן דריטע און פערטע סטריטס, וואו עס געפונט זיך איצט נאר איין רעזידענשעל געביידע. די יוניטס וועלן אויך זיך געפונען אנטקעגן איבער 305 באפעלאו עוועניו, אן ערד-טייל וואס ניו יארק סטעיט האט אפגעקויפט אלס טיל פון איר סטראטעגישע שטח איינקויף פראגראם, אויף וועלכן א נייע טרעיל / שטיגן באהעפטונג צו דער ריווערוועי איז געעפנט געווארן אין פרילינג 2021.

USAN וועט פארשפרעכן 1.7 מיליאן דאלער צו דער פראיעקט, אפהענגיג אויף USAN באָורד אָוו דירעקטאָרס באוויליגונג נאכ׳ן פארענדיגן דעם פראיעקט.

**CEO עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ במקום-קאמישענערין און פרעזידענטקע און דעזיגנירטע
האופּ נייט האט געזאגט,** ״טוריזם איז געווען ניו יארק׳ס דריט-גרעסטע אינדוסטריע בעפאר דער פאנדעמיע, און ESD ארבעט שווער צו פארזיכערן איר אומקער. דער נייער קעמבריע האטעל ניאגארא פאָלס, אנטוויקלט דורך דער סטראנדזשיא פאמיליע, וועט אויפנעמען באזוכער פון איבער דער גארער וועלט צו אן איקאנישער נאטורליכע וואונדער, און אין דער זעלבער צייט אויפלעבן א קריטיש-וויכטיגער שטרעקע פון דער היסטארישער באפעלאו עוועניו וואוינונג דיסטריקט.״

**שטאט ניאגארא פאָלס מעיאר ראבערט רעסטיינא האט געזאגט,** ״עס פרייידט אונז צו זען די אנגייענדע אינוועסטירונג אין אונזער שטאט צענטער קערנדל. די אנגייענדע איבערגעגעבנקייט פון דער סטראנדזשיא פאמיליע צו דער שטאט ניאגארא פאָלס ביזנעס קאמיוניטי איז א שטארקע סטעיטמענט פון דער ארטיגע פאמיליע׳ס טריישאפט צו אונזער היים שטאט, און מיר זענען זיכער דאנקבאר פאר זייער אנגייענדע קאנפידענץ אין אונזער קאמיוניטי. אין צוגאב, זענען מיר דאנקבאר פאר די שטיצע פון גאווערנער האקול פאר דעם פראיעקט און קוקן ארויס צו די גרענד אָפּעונינג פון דער קעמבריע האטעל.״

**סטעיט סענאטאר ראבערט ארטט האט געזאגט,** ״אונזער ראיאן איז געבענטשט צו האבן איינע פון די נאטורליכע וואונדער פון דער וועלט אין אונזער אייגן בּעקיאַרד, און עס איז אויף אונז א פליכט אז מיר זאלן קאפיטאליזירן אויף די ריזיגע צאל באזוכער צו אונזער געגנט וואס דער אטראקציע ברענגט.״ ״דורך אינוועסטירן אין א געמישטע-באניץ דעוועלאפמענט פראיעקט ווי צ.ב.ש. דער קעמבריע האטעל ניאגארא פאָלס, טוען מיר נישט נאר באזארגן נייע און דערהייטערנדע קווארטיר אפציעס פאר טוריסטן אבער אויך פאר די איינוואוינער וועלכע וואוינען און ארבעטן אינערהאלב אונזער קאמיוניטי. ניו יארק סטעיט זעצט פאר ווייטער צו ווייזן איר אנטשלאסנקייט צו אויפלעבן אונזער ניאגארא פאָלס עקאנאמיע און איינשפריצן נייע לעבן אין אונזער ארטיגער ביזנעס קאמיוניטי.״

**אסעמבלי-מיטגליד אנדזשעלא מארינעלא האט געזאגט,** ״מיר נעמען אויף נאכאמאל מיט צופרינדהייט באזוכער צוריק צו אונזער הערליכער ניאגארא פאָלס. מיט דאס אנהויבן די געבוי אויף די קעמבריע האטעל ניאגארא פאָלס, נאך אן עלעגאנטע האטעל וועט צוגלייגט ווערן נישט מער ווי א פאר טריט פון די וואסערפאלן, וועלכס וועט עס מאכן גרינגער פאר׳ן ראיאן ארויסצווייזן איר שיינקייט פאר באזוכער. איך דאנק גאווערנער האקול, USAN און דער סטראנדזשיא פאמיליע פאר׳ן שטיצן דעם פראיעקט, איבערהויפט צוליב וואס דער פראיעקט וועט צוגעבן דריי גאסטהייזער וועלכע וועלן דערגאנצען באפעלאו עווניו׳ס העריטעדזש דיסטריקט.״

זינט 2011 האט ניו יארק סטעיט אינוועסטירט איבער 315 מיליאן דאלער אין דער שטאט ניאגארא פאָלס אין א פאקוסירטע באמיאונג צו פארווירקליכן און פארברייטערן די עקאנאמישע מעלות פון יערליכע באזוכענישן. אינוועסטירונגען האבן אריינגערעכנט: אפגרעידס צו ניאגארא פאָלס סטעיט פארק; אויפלעבונג אונטערנעמונגען אריינגערעכנט אכט נייע האטעלס און דער אויפריכטונג פון אָלד פאָלס סטריט און גאס-אויסזעה פארבעסערונגען אויף אנדערע דאונטאון גאסן; און פריערדערמאנטע אפקויף פראגראם צו פארמיטלען צוקונפטיגע געמישטע-באניץ אנטוויקלונג. אין צוגאב, האט דער סטעיט פארענדיגט די טראנספארמירנדע אוועקפירן פון דריי מייל פון דער געוועזענער ראבערט מאזעס פארקוועי, שאפנדיג א 140-עיקערדיגע אומגעשטערטע, פולקאם צוטריטליכע פאס פון גרין-פלאץ אויף די אויבערשטע טייל ניאגארא טייך און ניאגארא גארדזש. נארט מעין סטריט איז אויך א נאמען געגעבן געווארן א ניו יארק סטעיט דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו געווינער און ניצט אויס דאס אוועקפירן פון דער פארקוועי און אינוועסטירונגען אין דער אונטערערדישע רעילראָוד העריטעדזש צענטער און ניאגארא פאָלס באן סטאנציע צו ווידער-שאפן א שטארקע ביזנעס דיסטריקט ווידער-באהאפטן צו דער ניאגארא גארדזש.

**איבער קעמבריע האטעלס**

די קעמבריע האטעלס ברענד איז געאייגנט פאר דער מאדערנער רייזנדער, און באטן אן פאר גועסט א אייגנארטיגע דורכלעבעניש מיט א פשוטע, ריין-געווויסנדיגע באקוועמליכקייטן וועלכע ערמעגליכן פאר זיי זיך נאכצוגעבן די באגערהן אויפ'ן וועג. פראָפּערטיס וועלן פארמאגן צוציענדע אויסשטיליזירונג אינספירירט דורך דער ארט, רחבות'דיגע און באקוועמע צימערן, בייגזאמע זיצונג ערטער, און ארטיגע, פריש צוגעגרייטע עסנווארג און קראפט ביר. קעמבריע האטעלס פארברייטערט זיך גיך אין הויפט יו-עס שטעט, מיט האטעלס אפן אין שיקאגא, לאס אנדזשעלעס, ניו יארק, פיטסבורג, און וואשינגטאן די-סי. עס זענען פאראן איבער 130 קעמבריע פראָפּערטיס אפן אדער אין דעם פראצעס פון געעפנט ווערן לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן, מיט באלד 60 איצט אפן. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [www.choicehotels.com/cambria](http://www.choicehotels.com/cambria).

**איבער טשאָוס האטעלס**

טשאָוס האטעלס אינטערנעשענעל, אינק. (NYSE: CHH) איז איינע פון די גרעסטע קווארטיר פרענטשייזארס אין דער וועלט. דער טשאָוּס פאמיליע פון האטעל ברענדס, וועלכס פארמאגט איבער 7,100 האטעלס, פארטרעטנדיג איבער 600,000 צימערן, אין באלד 40 לענדער און שטחים (גערעכנט פון סעפטעמבער 30, 2021), גיבט פאר ביזנעס און פארגעניגן רייזנדער מיט א ריי הויכע קוואליטעט קווארטיר אפציעס פון באגרעניצטע סערוויס ביז פולע-סערוויס האטעלס אין די עלעגאנטע, מיטל-שטאפל, לענגערע-איינשטיין און עקאנאמיע אפטיילן. די פרעמירטע טשאָוס פריווילעגיע לאָיעלטי פראגראם טוט אנבאטן פאר מיטגלידער בענעפיטן פון טאג-טעגליכע געשאנקען צו אויסגעצייכנטע דורכלעבענישן. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [www.choicehotels.com](http://www.choicehotels.com).

**פלאטי ניאגארא אינק.**

פלאטי ניאגארא אינק. איז א דעוועלאפמענט קאמפאני באזיצט דורך דער סטראנדזשיא פאמיליע, אריינגערעכנט וועטעראן האטעליער אנטאניא, פרענק, און אנטאני סטראנדזשיא. די סטראנדזשיא פאמיליע האט א שטארקע רעקארד אין דער ניאגארא פאָלס האספיטעליטעט מארקעט, און אפערירט איצט דער ווינגעיט דורך ׳ווינגעיט ביי ווינדהעם׳ און ׳קוואליטי אין׳ אין דער שטאט. די סטראנדזשיא פאמיליע, וועלכע פארמאגט באלד 30 יאר ערפארונג אין דער האספיטאליטעט אינדוסטריע, איז שטארק פארטון אין די ארטיגע קאמיוניטי און זענען שטאלץ מיט ניאגארא פאָלס, זייער היים שטאט, און שטאלץ פון זיין א טייל פון דער שטאט׳ס אויפלעבונג.

**איבער יו-עס-עי ניאגארא דעוועלאפמענט קארפארעישען**

USAN, אן אונטער-פארמעגן פון ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ איז בלויז געווידמעט צו די שטיצע און אונטערהייבונג פון עקאנאמישע אנטוויקלונג אין ניאגארא פאָלס דורך אויסניצן פריוואטע אינוועסטירונג און דערמוטיגן וואוקס און באנייאונג פון די טוריזם אינדוסטריע אין דער שטאט ניאגארא פאָלס. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [https://esd.ny.gov/usa-niagara-development-corporation](https://esd.ny.gov/usa-niagara-development-corporation).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן